בס"ד

דער בלעטל
# טיב הקהילה
אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

ויצא
י"ב כסלו תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:01 |
| מוצש"ק | 5:16 |
| ר"ת | 5:53 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:04 | סוז"ת א' | 9:11 |
| סוזק"ש ב' | 8:51 | סוז"ת ב' | 9:43 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': נ"ז
שנה ב'

## טיב המערכת

### וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת

א פשוט'ער איד האט אמאל געהערט ווי דער רב דערמאנט ביי זיין דרשה די ווערטער פון חז"ל: 'עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר', אז דורכדעם וואס מען געבט מעשר איז מען זוכה צו עשירות. האט דער איד אנגענומען די ווערטער זייער בפשטות, און האט עס מקיים געווען מיט אמונה פשוטה.

ווען דער איד האט געזען אז עס איז אים ליידער נישט געגאנגען, האט ער זיך שטארק אויסגעוויינט פארן אויבערשטן, פארוואס ער איז נישט זוכה אז די סגולה זאל מקוים ווערן ביי אים. ביז ער האט זוכה געווען און ער איז אנגעקומען צו רייכקייט.

מיט א שטיק צייט שפעטער, ווען א חבר זיינער האט אים געפרעגט אויב עס איז ריכטיג אז אט די סגולה העלפט, האט ער געענטפערט: עס איז טאקע א גוטע סגולה, אבער כדי זוכה צו זיין דערצו, דארף מען אסאך וויינען.

חז"ל ערקלערן אונז פארוואס די אויגן פון לאה זענען געווען ווייך, וויבאלד זי האט געהערט ווי מענטשן זאגן 'רבקה האט צוויי זין, און לבן האט צוויי טעכטער – וועט די גרויסע חתונה האבן מיטן גרויסן, און די קליינע וועט חתונה האבן מיטן קליינעם. און וויבאלד זי האט נישט געוואלט חתונה האבן מיט עשו הרשע, האט זי געוויינט אזויפיל ביז אירע אויגן זענען געווארן ווייך, דאס הייסט אז אירע אויגנברעמען זענען אראפגעפאלן פון אסאך וויינען.

און ווירקליך, שַׁעֲרֵי דְּמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ, און לאה האט זוכה געווען צו חתונה האבן מיט יעקב וואס ער איז דער אויסדערוועלטער פון די אבות, און האט זוכה געווען צו ברענגען זעקס שבטים אויף דער וועלט, מער ווי רחל און מער ווי אלע אנדערע אִמָּהוֹת.

אסאך מאל, ווען א איד געפינט זיך אין א צרה ל"ע, אדער ער ווארט פאר א ישועה, ער דארף א שידוך טון, ער ווארט אויף קינדער, אויף פרנסה, א.ד.ג. טוט ער מתפלל זיין. זיכער איז ער מתפלל, אבער ווען ער ווערט נישט געענטפערט, ווערט ער צובראכן און ער געבט אויף, ווייל ער מיינט אז זיינע תפילות זענען חלילה אומזיסט.

עס איז אבער נישט אזוי. רבי איד, דיינע אויגן זענען שוין ווייך געווארן פון וויינען? דיינע אויגנברעמען זענען שוין אראפגעפאלן? עס איז נאך פרי זיך צו מייאש זיין – עס איז נישטא קיין יאוש אויף דער וועלט. זע נאר אונזער מאמע לאה, וועלכע האט זוכה געווען צו טוישן דער נאטור מיטן כח פון איר תפילה, זאלסטו אויך גלייבן אז דו קענסט אויך טוישן דער נאטור, גלייב און זיי מתפלל, און חז"ל לערנען אונז שוין אז שַׁעֲרֵי דְּמָעוֹת לֹא נִנְעֲלוּ.

(עפ"י טיב התורה – ויצא)

## טיב הפרשה

# די עבודה פון א איד ווען ער איז עוסק אין זיינע גשמיות'דיגע צרכים

## וראשו מגיע השמימה

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר איבער די חלום וואס יעקב אבינו האט געהאט, איידער ער איז אנגעקומען צו לבן הארמי און חתונה געהאט מיט לאה און רחל.

מיר ווייסן דאך אז יעדע אות אין די תוה"ק איז א לימוד פאר זיך, אז מען קען ארויסלערנען פון איר אסאך הלכות. אויך ווען די תוה"ק דערציילט א מעשה קען מען זיך ארויסלערנען פון איר א געוואלד לימודים אויף למעשה.

דער געדאנק אז די תוה"ק איז א לימוד לדורות איז אויך מרומז אין די ווארט 'תורה' ווייל תורה איז מלשון 'מורה', ווייל עס קומט אויסלערנען א איד וויאזוי ער זאל זיך אויסלערנען פון איר, וויאזוי א איד דארף זיך פירן, און אויך דא, אפילו אז עס איז געווען א חלום וואס יעקב אבינו האט גע'חלומ'ט איז עס אויך א לימוד פאר יעדן איד, אין יעדן דור.

איידער מען קומט אן צו זען וואס אלץ מען קען זיך ארויסלערנען פון דעם חלום קען מען זיך אויך ארויסלערנען איבער די צייט ווען די חלום איז פארגעקומען. ווען מען נעמט אין באטראכט די צייט ווען יעקב אבינו האט געהאט די חלום קען מען זיך אויך ארויסלערנען פון איר עפעס.

די חלום האט יעקב אבינו געהאט אין א צייט ווען ער איז געווען אונטערוועגנס קיין חרן, צו די שטוב פון לבן הארמי, אין א צייט ווען ער האט זיך געגרייט אויפצושטעלן א אידישער שטוב.

עס לאזט זיך זאגן אז אין אזא צייט האט ער געהאט ביי זיך זארגן איבער זיין צוקונפט. ביז יעצט איז ער געזעסן ביי זיין טאטע אין שטוב און ער האט געהאט דארט אלע זיינע געברויכן און האט געקענט לערנען תורה מיט ישוב הדעת, אבער יעצט האט ער מורא געהאט אז ער קען מעגליך פארלירן אלעס וואס ער האט געהאט ביז יעצט.

דער אויפשטעלן א שטוב און זיך אפגעבן מיט די קינדער און נאכדערצו אין די שטוב פון לבן, דער מקור הטומאה פון די אומגעגנט, האט באַרויבט זיין רוה און ער האט אנגעהויבן זארגן צי ער וועט עס קענען אויספירן אדער נישט.

זיין זארג איז געווען בעיקר אויף עבודת ה'. ער האט געציטערט צי

>>> | המשך אין עמוד ב' |

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב
ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

די אומשטענדן אין וואס ער געפינט זיך וועלן אים ערלויבן צו טון וואס ער האט צו טון, און אויף די סארט זארג איז געקומען צוגיין די ענטפער אין א געשטאלט פון א לייטער, א סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה.

מיט דעם לייטער האט מען אים מרמז געווען אז א איד קען אויך זיין 'מוצב ארצה', אז ער קען אויך זיין פארנומען מיט גשמיות'דיגע זאכן און עוסק זיין אין זאכן וואס זענען גשמיות'דיגע זאכן, אבער אין די זעלבע צייט זאל זיין ראש זיין פארנומען מיט עבודת ה' און עס וועט מקויים ווערן וואס עס שטייט אין פסוק 'וראשו מגיע השמימה'.




דאס איז מעגליך ווייל די וועלט אין וואס מיר לעבן איז מלא וגדוש מיט קנינים פון הקב"ה, אין יעדע זאך באהאלט זיך א באהאלטענער ניצוץ פון הקב"ה און דער קליינער ניצוץ איז די חיות פון די זאך, און אז מען טוט די זאך מיט א כוונה פון עבודת ה' איז מען זוכה אז מען איז מעלה די זאך לשורשו און עס קומט אן זייער הויך.

פון הימל האט מען געוואלט אז יעקב אבינו זאל משיג זיין דעם געדאנק און לעבן מיט איר. מען האט געוואוסט אז יעקב אבינו וועט אויך זיין א רועה צאן, און אויסער די הויכע כוונות וואס עס איז געלעגן אין איר, איז אויך געווען די כוונה, אז ער זאל זיך אויסלערנען דער געדאנק אז אויך אין גשמיות איז דא די בחינה פון וראשו מגיע השמימה.

די בחינה האט מען מגלה געווען פאר יעקב אבינו גייענדיג אויפ'ן וועג צו לבן הארמי, אבער די זעלבע זאך איז מען אויך מגלה פאר יעדן איד אין די היינטיגע דורות.

דער איד קען זיך אמאל טראכטן צו זיך אז מילא ווען ער זיצט און לערנט תורה איז שייך צו דינען השי"ת, אבער ווען ער איז עוסק בגשמיות און ארבעט פאר פרנסה איז נישט שייך צו זיין פארנומען מיט עבודת ה', אבער דאס איז א טעות, ווייל אויך ווען מען איז עוסק אין גשמיות'דיגע זאכן קען מען דינען הקב"ה, ווייל אז מען האט נסיונות און מען איז זיך מתגבר, אדער אז די כוונה איז גוט, איז דא די בחינה פון ראשו מגיע השמימה, אפילו אז עס איז סולם מוצב ארצה.

מען דארף צו וויסן אז ווען עס רעדט זיך פון די עבודה פארלייגט זיך דער יצר הרע מער ווי אייביג צו שטערן דעם מענטש, וויסנדיג אז דאס איז אן עבודה קשה שבמקדש.

עס קען זיין אז צו ווייזן ווי שווער עס איז און ווי וויכטיג עס איז, האט דער מסבב כל הסיבות געפירט אז יעקב אבינו האט געהאט די סארט נסיונות אין שטוב פון לבן הארמי, אין דער מקור הטומאה, ווייל דארט האט ער זיכער געהאט מער נסיונות, עס איז געווען א מלחמה אן קיין סוף, און די בחינה האט הקב"ה געוויזן פאר אונז און פאר די שפעטערדיגע דורות, אז דערביי איז די נסיון אזוי גרויס, אז עס וועט אייביג זיין גרויס, ווייל דא באהאלט זיך א גרויסע עבודה.

זאל הקב"ה העלפן, אז אזוי ווי יעקב אבינו איז בייגעשטאנען די נסיון זאלן מיר אויך קענען עומד זיין אין די נסיון און בלייבן אפגעהיטן און הייליג און זיך נישט נייגן פון אונזערע וועגן קיינמאל.

## טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## במכאה פותח שעריק

ווען איך האב זיך יענעם פרייטאג אינדערפרי געגרייט ארויסצוגיין דאווענען שחרית און געוואלט גיין ארויסנעמען פון שאפע די טלית און תפילין, האב איך זיך מיטאמאל א כאפ געגעבן אז איך האב עס בעצם איבערגעלאזט אין די ישיבה.

"פון וואו וועל איך עס יעצט האבן"? האב איך זיך געוואונדערט צו זיך אליין.

זייענדיג מיואש פון עס טרעפן, ווייל די ישיבה איז פארשפארט, האב איך זיך ארויפגעזעצט אויף א שטאטישער באס און זיך געגרייט אריבערצוגיין אין איינער פון די שטיבלעך טראכטנדיג אז דארט וועל איך שוין טרעפן פון וועמען צו בארגן תפילין.

ארויפגייענדיג אויפ'ן באס טרעף איך דער מענעדזשער פון די ישיבה.

"מיין תפילין איז געבליבן אין די ישיבה, אפשר האסטו אויף דיר די שליסל"?

"איך גיי יעצט אהין". האט דער מענעדזשער געזאגט.

איך בין מיטגעגאנגען מיט אים זענדיג אים דעם אן אויסטערלישע סייעתא דשמיא, אז פונקט ווען איך בין ארויף אויפ'ן באס איז ער מיר אקעגנגעקומען און צוגעפירט וואו איך האב געדארפט אנקומען, אז איך זאל האבן מיינע תפילין ביים דאווענען.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ע.ס.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# הגאון רבי איסר זלמן מעלצער זצ"ל

לרגל דער **זיבעציגסטער** יומא דהלולא פון מרן הגאון רבי איסר זלמן מלצר [בהר"ר ברוך פרץ] זצוק"ל, בעל "אבן האזל", גאב"ד סלוצק, און ראש ישיבה פון די באוואוסטע "עץ חיים" ישיבה אין ירושלים עיר הקודש תובב"א – [נלב"ע י' כסליו תשי"ד לפ"ק], לייגן מיר דא פאר אייך א קליין זאמלונג פונעם אוצר "טיב המעשיות", פון וואס מורינו ורבינו שליט"א האט דערציילט איבער אים אין פארשידענע געלעגנהייטן.

->•<-

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה, פון וועלכע איך האב ארויסגענומען א געוואלדיגן מוסר־השכל אין די ווענן פונעם 'טיב החינוך', האב איך געהערט פון אן אייניקל פון הגאון רבי אליהו דעסלער זצ"ל, באוואוסטער משגיח פונעם פאניוויזשער ישיבה, און מחבר פונעם "מכתב מאליהו", דער דערציילער איז א זון פון זיין זון הרב הגאון רבי נחום זאב דעסלער זצ"ל, ראש ישיבה פונעם גרויסן ישיבה אין קליוולאנד, אמעריקע.

דאס איז געווען א הויז פול מיט תורה און יראת שמים. די גאנצע אטמאספער איז געווען איינגעזאפט מיט קדושה וטהרה, און אהבת תורה אן קיין גרעניץ.

איין טאג, זייענדיג נאך א קינד אין קליוולאנד – דערציילט ווייטער דער אייניקל – אהיימקומענדיג פונעם תלמוד תורה, האב איך געזען ווי אין הויז איז ספעציעל ליכטיג און שיין, ווי מען גרייט זיך צו גאר א ספעציעלע שמחה. א שיינע ווייסע שבת'דיגע טישטוך איז אויסגעשפרייט אויפן טיש, די שיינע שבת'דיגע כלים ליגן שיין אנגעגרייט, און אין קאך שטייט די מאמע און גרייט אן ספעציעלע געקעכטסן וועלכע ברענגען ארויף גערוכן פון גאר א ספעציעלן מעמד...

וובאלד דאס אלעס איז פארגעקומען אין א געווענליכן וואכנטאג, האט דער קינד נישט פארשטאנען וואס דא טוט זיך... ער איז געבליבן שטיין פארוואונדערט, נישט כאפנדיג וואס קומט דא פאָר היינט.

ער איז צוגעגאנגען צו זיין גרויסן טאטן, און ער האט געזאגט: "טאטע! לְשִׂמְחָה מַה זוֹ עוֹשָׂה"?

צו זיין איבערראשונג, האט אים זיין טאטע געזאגט: היינט האבן מיר זייער א חשוב'ער גאסט! – מסתמא האסטו שוין געהערט וועגן אונזער קרוב, דער באוואוסטער גאון פון סלוצק, דאס איז דאך מרן רבי איסר זלמן מעלצער, און היינט איז אנגעקומען צו אונז אויפן פאסט, א פעקל וואס ער האט אונז געשיקט, אין וועלכער עס איז געלעגן דער "חידושי הרמב"ן" על הש"ס, וואס ער האט ארויסגעגעבן, באגלייט מיט אסאך הגהות ותיקונים.

אט דער ספר האט בשעתו געהאט א געוואלדיגן אפקלאנג אינעם עולם התורה, און איז גאנץ שנעל געווארן א נחלת הכלל ביי די לומדי התורה די בכל אתר ואתר.

און צוריק צו אונזער מעשה, ווי דער טאטע ערקלערט פארן קינד, פארוואס זיי מאכן א גרויסע סעודה: מיר האבן לאנג געווארט אז דער ספר זאל אנקומען צו אונז, וויבאלד מיר דארפן עס זייער שטארק האבן. היינט איז דער ספר ב"ה אנגענומען צו אונז אויפן פאסט, געשיקט געווארן פונעם סלוצקער גאון! – לכבוד דעם חשוב'ן גאסט, דאס איז דער חשוב'ער און געהויבענער ספר – מאכן מיר היינט א גרויסע שמחה!

און דער איד האט עדות געזאגט פאר מיר, אז אט די יום־טוב'דיגע סעודה איז טיף איינגעבאקן געווארן אין זיין הארץ, און האט משפיע געווען אויף אים א געוואלדיגע אהבת תורה, און איבערהויפט א ספעציעלע ליבשאפט צו אט דעם ספר "חידושי הרמב"ן" מיט די הגהות פון ר' איסר זלמן!

ווען ער איז געווען ארום זיבעצן יאר אלט, א חשוב'ער עילוי אין ישיבה, האט ער אנגעהויבן שרייבן זיינע אייגענע חידושי תורה מיטן אויבערשטנ'ס הילף. ווען זיין טאטע האט עס געזען, האט ער זייער הנאה געהאט דערפון, און אלס צייכן פון ליבשאפט און שעצונג אויף זיין געוואלדיגע יגיעה אין די תורה, האט ער אים דעמאלטס געשאנקען דעם זעלבן ספר "חידושי הרמב"ן", וואס איז דעמאלטס געווען א יְקַר הַמְּצִיאוּת, וויבאלד דער טאטע האט געוואוסט ווי שטארק ער האט ליב דעם ספר, און ער האט אים דארט אריינגעשריבן ספעציעלע ווארימע ווערטער, און ער געבט זייער אכטונג דערויף!

דער מוסר־השכל וואס מיר לערנען ארויס פון אט די מעשה, איז אין די ווענן פון 'טיב החינוך'. – ווען א קינד פילט און זעט מיט די אויגן דעם געוואלדיגן ליבשאפט צו די תורה, און די שעצונג און שמחה וואס מען האט מיט חידושי תורה, טוט דאס אריינווארצלען דעם חינוך טיף אין הארץ, מער ווי טויזנטער שמועסן!

[מתוך שיחה פרטית י"ב אב תשע"ב]

->•<-

"איך וויל אייך דערציילן, וויאזוי א גרויסער איד האט אנגעקוקט דעם עולם הזה"! – אט דער מעשה האט מיר דערציילט מיין מחותן, להבחל"ת, הגאון הצדיק רבי זונדל קרויזער זצ"ל.

אין ירושלים פונעם פריערדיגן דור, האט באשיידענערהייט געוואוינט א באוואוסטער צדיק מיטן נאמען רבי לייב בן רבי טודרוס זצ"ל. ער איז געווען א געהויבענער איד, א גרויסער צדיק און אן אויסגערופענער "בעל הלכה".

ער איז צוויי מאל געזעצן 'שבעה' אויף זיינע נאנטע קרובים, לא עלינו, און דאס איז געווען גאנץ נאנט איינס צום אנדערן [אדער אויף צוויי פון זיינע קינדער, אדער אויף זיין ווייב און זיין זון]. וויבאלד ער איז געווען פון די חבורה וואס האבן געלערנט אין די ישיבה גדולה עץ חיים, איז רבי איסר זלמן זצ"ל ארויפגעגאנגען צו אים אינדערהיים צו מקיים זיין די מצוה פון ניחום אבלים.

ווען רבי לייב האט אים געזען, האט ער געזאגט מיט גרויס צער, אז ער ענטשולדיגט זיך זייער, דערפאר וואס ער איז מטריח דעם ראש ישיבה א צווייטן מאל צו קומען און אים טרייסטן...

האט אים ר' איסר זלמן געזאגט: איר ווייסט וויאזוי מען קוקט אויף אונז פון אויבן? – אזוי ווי דער קינד וואס איז געקומען צו זיין טאטן, וויינענדיג דערפאר וואס זיין ברודער האט צוגענומען פון אים זיין שפילצייג, און דער טאטע בארואיגט אים און בעט אים איבער: נישט געפערליך, איך וועל דיר קויפן אן אנדער שפילצייג... א שטיק צייט שפעטער, ווען אויך דער שפילצייג איז צוגענומען געווארן פון אים, נעמט ער זיך ווייטער וויינען צו זיין טאטן, און דער טאטע בארואיגט אים נאכאמאל און זאגט צו אים: נישט געזארגט! אויך דאסמאל וועל איך דיר קויפן א נייע שפילצייג...

הערנדיג דעם שיינעם און פאסיגן משל, האט זיך ר' לייב אויפגעהויבן פון זיין ארט, און האט געזאגט צו ר' איסר זלמן: רַבִּי, נִחַמְתַּנִי, נִחַמְתַּנִי!

זעלבסטפארשטענדליך, אז נישט יעדער איינער האלט ביי אזעלכע הויכע מדרגות, אבער רבי איסר זלמן וועלכער איז געווען מקושר מיט אים זייער שטארק, האט שוין גוט געוואוסט זיין גרויסקייט און זיין מדריגה, און ער האט געוואוסט אז מען קען אים טרייסטן מיט אזעלכע הויכע רייד, און צו פארגלייכן דאס פארלירן א קינד, ווי גלייך ער וואלט פארלוירן א שפילצייג... – ווייל ווער עס לעבט מיט א קלארע און ברענענדיגע אמונה, גייט ער גרינג דורך אלע שווערע און שרעקליכע צרות...

[מתוך שיחה – קובץ "פרטיות" עמו' 5]

->•<-

אין זיין יוגנט, האט ר' איסר זלמן געלערנט אין די באוואוסטער וואלאזשינער ישיבה, ביים הייליגן נצי"ב זצ"ל וועלכער איז געווען דער ראש ישיבה, און אזוי אויך האט ער מקבל געווען אסאך תורה פונעם גאון רבי חיים בריסקער זצוק"ל וועלכער האט אים ליב געהאט אהבת נפש.

אלס בחור איז זיין נאמען ברייט באקאנט געווארן אלס דער 'עילוי פון מיר' (אויפן נאמען פון זיין געבורט־שטאט), און דורכאויס א שטיק צייט האט דער ראש ישיבה, דער הייליגער נצי"ב, זיך געגרייט צוזאמען מיט אים דעם שיעור וואס ער האט געדארפט איבערגעבן אין ישיבה, און צוזאמען פלעגן זיי מְלַבֵּן זיין דעם סוגיא לְעָמְקָהּ וּלְרָחְבָּהּ.

איינמאל האט זיין רבי אנגעגרייט מיט אים זייער א 'שטארקן' שיעור, וועלכער אז שוין געווען זייער קלאר מסודר און גרייט ביי אים, אזוי אז עס האט ממש געלויכטן ווי ביי נתינת התורה! אבער צו זיין גרויס וואונדער, האט דער נצי"ב אין יענעם טאג נישט איבערגעגעבן זיין קביעות'דיגן שיעור, אן קיין ספעציעלע סיבה.

דערנאך איז ר' איסר זלמן אריינגעגאנגען צו אים, אינגאנצן פארוואונדערט: פארוואס איז דער רבי נישט געקומען

המשך אין עמוד ד' >

איבערגעבן דעם שיעור אין ישיבה, אינדערצייט וואס עס איז דאך געווען א וואונדערליכער שיעור?

טאקע וועגן דעם – האט דער הייליגער נצי"ב אים געענטפערט – היא הנותנת! ווייל יעדן מאל איידער איך דארף איבערגעבן א שיעור, וואס איך בין נישט אזוי זיכער אז עס איז אמת, און עס איז נישט מסודר ביי מיר מיטן פולסטן קלארקייט, בעט איך זיך אויס פארן אויבערשטן ביי די ברכה פון "אהבה רבה", און איך וויין זיך אויס בדמעות שליש פארן אויבערשטן, וואס ער איז דער חונן לאדם דעת, אז איך זאל קענען איבערגעבן דעם שיעור אזוי ווי עס דארף צו זיין, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ וכו'. – אבער היינט, וואס דער שיעור איז געווען עפעס מורא'דיג קלאר און גרייט, האט עס מיר נישט גענוג ווי געטון, און איך האב נישט געוויינט געהעריג ביי "אהבה רבה"!

אן קיין הארציגע בכיות און תפילות ביי "אהבה רבה", האט רבי איסר זלמן אויסגעפירט, בין איך נישט מסוגל צו צוגיין צום שיעור!...

מיט אזא גוטע פערזעליכעביישפיל, איז נישט קיין וואונדער, אז פון דעם איז אויסגעוואקסן אזא אלוועלטליכער גאון וצדיק ווי דער הייליגער "אבן האזל"...

[מתוך שיחה פרטית ט"ו אייר תשע"ב]

-> • <-

שוין פון אלס יונגוויז אן, האט רבי איסר זלמן געליטן פון א שווערע מחלה אין זיינע לונגען, און כדי זיך צו היילן דערפון האט ער געדארפט טרינקען טאג-טעגליך א גלאז ציגן מילך, לויטן אנווייזונג פון א דאקטער.

ציגן האט ער, פארשטייט זיך, נישט געהאט... אבער זיינע געטרייע תלמידים וועלכע האבן אים ליב געהאט אהבת נפש, האבן שנעל געטראפן א גוי וועלכער האט געהאט א ציג ביי זיך אינדערהיים, און ער האט צוגעשטימט זיי צו פארקויפן יעדן טאג א פרישע גלאז מילך פארן רב.

דער רב האט געשטעלט איינער פון זיינע תלמידים אז ער זאל זיין פאראנטווארטליך דערויף, און אכטונג געבן בשעת'ן מעלקן, פון אנהייב ביזן סוף, אז עס זאל זיין אויסגעהאלטן לויט די הלכה, כדי עס זאל נישט זיין ביי דעם חלילה קיין חשש פון חלב עכו"ם.

דעריבער האט ער זיך אוועקגעזעצט מיטן תלמיד, און האט אים קלאר געגעבן צו פארשטיין פונקטליך וויאזוי ער זאל טון זיין אויפגאבע מיט געטריישאפט. ער האט אויך געהאט עטליכע חומרות און הידורים, און דעריבער האט ער שטארק געבעטן פונעם תלמיד אז ער זאל שטארק אכטונג געבן און אויספירן אלע אנווייזונגען אן זיך ארויסדרייען.

דער געטרייער תלמיד האט פאלגזאם אויסגעפירט אלעס וואס זיין רבי האט אים געהייסן, צום גרויסן צופרידנהייט פונעם רבי'ן.

איין טאג, האט אבער דער תלמיד נישט געקענט צוגיין צום הויז פונעם גוי און אכטונג געבן בשעת'ן מעלקן דעם ציג, דעריבער האט ער געשטעלט זיין חבר אנשטאט אים, אז ער זאל משגיח זיין ביים מעלקן, און דערנאך ברענגען דעם מילך צום הויז פונעם ראש ישיבה.

דער פלייסיגער שליח האט אויסגעפירט זיין שליחות מיט גרויס שמחה, נאר ער האט גארנישט געוואוסט איבער אלע הידורים אויף וועלכע דער רב האט מקפיד געווען, וויבאלד זיין חבר האט נישט געהאט קיין צייט צו רעדן מיט אים און ערקלערן יעדן איינצלהייט באריכות... און דעריבער האט דער מְשֻׁלָּח באשלאסן, אז דאס זענען דאך נאר חומרות און הידורים, און בשעת הדחק איז דאך גענוג אז א איד זאל דארט שטיין די גאנצע צייט וואס מען מעלקט... [זע יו"ד סי' קט"ו ס"א, ונושאי כלים, ומעדני השולחן שם].

ווען דער שליח איז צוריקגעקומען מיט די מילך, צו די חשוב'ע רעבעצן די צדקנית מרתביילא הינדא ע"ה, די רעבעצן פון רבי איסר זלמן זצ"ל, האט ער איר דערציילט די גאנצע מעשה, אז זיין חבר האט נישט געקענט גיין היינט, און דעריבער האט ער אים געשטעלט אלס שליח, אז ער זאל גיין ברענגען די מילך פארן ראש ישיבה.

די רעבעצן, וועלכע איז געווען באוואוסט מיט איר פקחות, אלס גאר א קלוגע אשת חבר [זי האט מסדר געווען אלע חידושים פונעם רב, אין זיין ספר אבן האזל], האט אים גענומען אויספרעגן פונקטליך, וויאזוי עס איז צוגעגאנגען דער גאנצער סדר פון דער מעלק, און נאכן הערן אלע איינצלהייטן, האט זי באשלאסן אז כאטש עס זענען נישט אויסגעפירט געווארן עטליכע הידורים אויף וואס דער רב איז געווענליך יא מקפיד, פונדעסטוועגן איז ריכטיג צו מיקל זיין אין דעם פאל, צוליב די שוואכקייט פונעם רבי'ן, און כדי צו היטן אויף זיין געזונט.

האט די רעבעצן אנגעשטעלט דעם טעפל מיט די מילך אויפן 'פרימוס', כדי עס זאל זיך געהעריג אפקאכן, איידער זי וועט עס דערלאנגען אלס פרישטיג פאר איר הייליגער מאן.

אבער דא, האט אן ארימאן געקלאפט אין טיר, און ווען זי איז צוגעגאנגען עפענען, האט דער ארימאן אנגעהויבן דערציילן איבער זיין ביטערן מצב, און ער האט שטארק געבעטן אז מען זאל אים געבן א שיינעם נתינה, פון נישט ווייניגער ווי א גאנצע פונט... די רעבעצן האט געזוכט אין איר טייסטער, אבער נישט געטראפן מער ווי עטליכע פרוטות...

זי האט פראבירט צורעדן דעם ארימאן, אז אנשטאט דעם זאל ער נעמען א זעטיגע און געשמאקע מאלצייט, אבער דער ארימאן האט נישט געוואלט הערן דערפון, און נישט געוואלט נעמען ווייניגער ווי א גאנצער פונט... ביז עס איז ענדליך געלונגען פארן רעבעצן צוזאמצושטעלן א גאנצער פונט, פון דא און פון דארט...

דער גאנצער עסק האט גענומען א לאנגע צייט, און אינצווישן האט די מילך אינעם טאפ גענומען קאכן. גאנץ שנעל האט זיך די גאנצע מילך אויסגעגאסן פונעם טאפ... און די ליידיגע טאפ וואס איז געבליבן אויפן פייער, איז געווארן אינגאנצן פארשווארצט, פארשפרייטנדיג אסאך רויך און א שלעכטן גערוך...

אין די זעלבע צייט, איז רבי איסר זלמן געזעצן אין זיין צימער, פארטיפט אין לימוד התורה, און אט איז די שווערע שמעק אנגעקומען צו זיינע נאזלעכער. דערשראקענערהייט, איז ער צוגעלאפן צום קאך, וואו די רויך האט זיך שטארק פארשפרייט, און האט פארלאשן דעם פייער. מיט שרעק האט ער געפרעגט די רעבעצן: וואס האט דא פאסירט?

האט אים די רעבעצן דערציילט, אז אין די זעלבע צייט וואס זי האט געשטעלט דעם מילך צו קאכן, האט עפעס אן אינטערעסאנטער ארימאן אויפגעהאלטן, וועלכער האט זיך פאר'עקש'נט אז ער וויל באקומען דווקא א גאנצער פונט פאר צדקה, און דערווייל האט זיך דאס גאנצע מילך ארויסגעגליטשט פונעם טעפל...

הערנדיג די ווערטער, איז רבי איסר זלמן זייער באגייסטערט געווארן, זאגנדיג: ס'קען נישט זיין! אויב דו האסט עוסק געווען אין אזא חשוב'ע מצוה ווי געבן צדקה פאר אן ארימאן, איז נישט מעגליך אז עס זאל ארויסקומען שאדן דערפון! ס'איז דא דא עפעס אנדערש!...

ווען די רעבעצן האט געזען זיין גרויסן שרעק, איז זי געצוואונגען געווען אים צו דערציילן דעם גאנצן אמת, אז דער באשטימטער תלמיד האט היינט נישט געקענט זיין ביי די מעלק, און ער האט געשטעלט א ממלא מקום אנשטאט אים, וועלכער האט נישט געוואוסט פונקטליך אלע הידורים אויף וועלכע דער רב איז מקפיד.

אויב אזוי – האט דער געזיכט פונעם רב געשטראלט מיט א געהויבענע פרייד – איז פונקט פארקערט, אדרבה, די זכות פון די מצוה פון צדקה איז אונז בייגעשטאנען, אז מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון אט די מילך, אויף וועלכע עס איז דא א חשש נדנוד פון אן איסור...

[מתוך שיחה פרטית ט' חשון תשע"ג]


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פז



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173